ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ויקרא

**(חלק כז שיחה ג)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת ויקרא, כו אדר־ג׳ ניסן, ה׳תשפ״ו (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ויקרא ג

א. מ׳האָט מערערע מאָל געוועדט[1] אין דעם כלל אין פירוש רש״י על התורה, אַז אין די מערסטע פאַלן ככולם — ברייגנגט ניט רש״י בפירושו דעם נאָמען פון דעם מקור לפירושו (ר׳ פלוני, רבותינו, תלמוד, מדרש וכיו״ב), ער זאָגט ניט „דבר בשם אומרו״.

דערפון גופא איז מוכח, אַז אין די ערטער וואו רש״י איז יוצא מן הכלל און זאָגט „דבר בשם אומרו״, איז עס אַ חלק פון זיין ביאור, דאָרט קומט צו דורכדעם אַ תוספת ביאור אין דעם פסוק וענין.

אַ דוגמא בולטת צו דעם געפינט מען בפרשתנו, ביי דעם ענין (פסוקים) פון פר העלם דבר (של ציבור):

אין גמרא[2] ווערן געברענגט צוויי מימרות פון „תנא דבי ר׳ ישמעאל״, בזה אחר זה, בנוגע דעם שינויי הלשונות צווישן די פסוקים פון פר העלם דבר פון כהן המשיח און של ציבור:

א) „מפני מה נאמרו יותרת ושתי כליות בפר כהן משיח[3] ולא נאמרו בפר העלם דבר של צבור[4], משל למלך בשר ודם שזעם על אוהבו ומיעט בסרחונו מפני חיבתו״.

ב) „מפני מה נאמרה פרוכת הקדש בפר כהן משיח[5] ולא נאמרה בפר העלם דבר של צבור[6] משל למלך בשר ודם שסרחה עליו מדינה אם מיעוטה סרחה פמליא שלו מתקיימת אם רובה סרחה אין פמליא שלו מתקיימת״[7].

אויך רש״י בפירושו עה״ת שטעלט זיך אויף די צוויי שינויים און ברענגט אַראָפּ די ביידע משלים, נאָר מיט דעם אונטער־שייד: בפירושו אויפן (פריערדיקן) פסוק[6] „את פני הפרוכת״ (וואו ער ברענגט דעם צווייטן משל פון תנא דבי ר׳ ישמעאל) דערמאָנט ניט רש״י דעם „שם אומרו״; משא״כ בפירושו אויפן (שפּעטערדיקן) פסוק[8] „ואת כל חלבו ירים״ (אין וועלכן ער זאָגט דעם ערשטן

1) ראה ס׳ כללי רש״י (קה״ת תש״מ) פ״ח אות ו. וש״נ. **ועוד.**

2) זבחים מא, ב.

3) פרשתנו ד, ט. — שהמדובר בהעלם דבר דוקא — כהתחלת הענין „כי תחטא בשגגה״* ולאח״ז „אם הכהן המשיח יחטא״ (ובפרש״י שם, ג „מדרשו כו׳ ופשוטו״ — הוא בפירוש „לאשמת העם״. — ולכאורה צ״ל בפרש״י שם „שנאמר באשמת״** ולא „לאשמת״ (שיגרת לישני׳ דקרא בכהן משיח)).

4) ראה שם, יט־כ ובפרש״י שם.

5) שם, ו.

6) שם, יז.

7) ראה גם ירושלמי תענית פ״ב ה״א. וראה מפרשים שם.

8) פרשתנו שם, יט.

*) שע״פ **פשש״מ** גם שוגג נכלל בלשון „העלם דבר״, כי שוגג בא ע״י העלם (דין, מציאות כו׳), אף שבפרש״י שם, ג **ממדרשו** (שהובא בפנים ההערה) הכוונה ל**הוראת דבר**.

**) וכן הועתק ברא״ם כאן. — העירני חכם א׳ שכן תיקן גם ברלינר במהד״ת שלו, ובמהד״ק שלו מביא גירסא כזו מכת״י. וכן הוא בב׳ כת״י רש״י שתח״י. ובעוד ב׳ כת״י שתח״י הגירסא בפרש״י: **כמו** לאשמת העם **שנאמר** ונעלם דבר . . ועשו.

משל פון תנא דבי ר׳ ישמעאל) ברענגט ער „שם אומרו״ — „תנא דבי ר׳ ישמעאל משל כו׳״!

ווען דאָס וואָלט געווען בסדר הפוך — דעם ערשטן משל „בשם אומרו״ און דעם צווייטן ניט — וואָלט מען אפשר געקענט פאַרענטפערן (בדוחק גדול) אַז רש״י פאַרלאָזט זיך אין זיין שפּעטערדיקן פירוש אויף דעם „שם אומרו״ וועלכן ער ברענגט אין זיין פריערדיקן פירוש (ווי־באַלד עס רעדט זיך וועגן אופן פירוש מיוחד — פון משלים),

משא״כ ווען רש״י זאָגט דעם „שם אומרו״ ביים צווייטן משל[9] און ניט ביים ערשטן[10].

מוז מען זאָגן, אַז דער טעם וואָס רש״י ברענגט שם אומרו ביים „משל למלך שזעם על אוהבו כו׳״ איז ווייל דאָס גיט צו אַ תוספת ביאור אין הבנת פשוטו של מקרא; משא״כ אין זיין פריערדיקן פירוש, איז אין פשוטו של מקרא ניט נתוסף[11] דורך דעם וויסן שם אומרו.

ב. וי״ל בהקדם הביאור אין זיין פירוש אויף „ואת כל חלבו ירים״[8] — „ואע״פ שלא פירש כאן יותרת ושתי כליות למדין הם מועשה[12] לפר כאשר עשה וגו׳, ומפני מה לא נתפרשו בו תנא דבי ר׳ ישמעאל משל למלך שזעם על אוהבו ומיעט בסרחונו מפני חיבתו״ — דלכאורה איז ניט מובן:

א) אין דרך הפשט — וואָס איז די שאלה „ומפני מה לא נתפרשו בו״? מען געפינט בכו״כ מקומות אַז ווען צוויי (אָדער מערער) זאַכן האָבן די זעלבע דינים חזר׳ט ניט איבער די תורה די אַלע פּרטי דינים באַ יעדן מאָל, נאָר ביי דער צווייטער זאַך זאָגט תורה בקיצור אַז זי האָט די זעלבע דינים ווי די פריערדי־קע[13] — ובפרט אַז תורה זאָגט גלייך דערנאָך „ועשה לפר כאשר עשה לפר החטאת כן יעשה לו״?!

ב) וואָס איז בכלל שווער ביי רש״י אין דעם פסוק — „ואת כל חלבו ירים״ — וואָס צוליב דעם דאַרף ער באַוואָרענען „ואע״פ שלא פירש כאן יותרת כו׳ למדין הם מועשה לפר כאשר עשה וגו׳״?

9) ובכיו״ב — קשה לתרץ שרש״י סומך כאן ומפרט בגמר הענין וקאי על כולו.

10) ודוחק גדול לתרץ שזהו מפני שרש״י מוסיף* על לשון תנא דבי ר׳ ישמעאל „אף כאן כשחטא כו׳״ — כי, כמדובר כמ״פ (ראה ס׳ כללי רש״י שם אות ב׳. וש״נ), דרכו של רש״י להוסיף ביאור על ל׳ חז״ל גם כשמביאו בשם אומרו, ומכש״כ בנדו״ד שגם בפרש״י לש״ס הוצרך להוסיף פירוש על דברי תנא דבי ר׳ ישמעאל (ע״ש).

*) ולהעיר שרש״י כאן גם **משנה** מלשון תנא דבי ר׳ ישמעאל: א) משמיט התיבות „(מלך) **בשר ודם**״, ב) כותב „**כולם** סרחו״ במקום „רובה״ (וכן בנמשל „משחטאו **כולם**״. משא״כ ברש״י זבחים שם: רובה . . דרוב ציבור),

אבל גם זה מצינו בכ״מ, שרש״י **משנה** לשון חז״ל ומ״מ מביאו בשם אומרו, **וכנדו״ד גופא**, שבמשל **הב׳** משמיט רש״י התיבות „בשר ודם״ אף שמביאו בשם אומרו (וראה ס׳ כללי רש״י שם (וש״נ). לקו״ש חי״ד ע׳ 46 שוה״ג להערה 12. ועוד).

11) אף שע״ד הרמז וההלכה וכו׳ ישנה שייכות. ולהעיר, דלפי׳ המהרש״א (בחדא״ג זבחים שם) שב׳ המשלים הם לזכותו של כהן המשיח, ה״ז מתאים לשיטתו דר׳ ישמעאל — „כהנא מסייעא כהנא״ (חולין מט, א).

12) פרשתנו שם, כ ובפרש״י שם (כדלקמן בפנים).

13) ראה לדוגמא תצוה (כט, מא): כמנחת הבקר גו׳. וראה פרשתנו (בענינוו) — ד, י. ועד״ז שם, כו. לא. לה. ועוד.

לויט דרכו בפירושו האָט רש״י געדאַרפט וואַרטן מיט זיין ביאור ביז דעם פסוק (שלאח״ז) „ועשה גו׳״.

וואָס פון דאָרטן איז דער הכרח אַז אויך ביי פר העלם דבר של ציבור איז מען מקטיר די יותרת ושתי כליות.

ג) נאָך מער: אויפן פסוק „ועשה גו׳״ איז רש״י טאַקע מפרש (נאָכאַמאָל) „ועשה לפר, זה. כאשר עשה לפר החטאת שמפורש בפר כהן משיח להביא יותרת ושתי כליות שפירש שם מה שלא פירש כאן״ — איז דאָך תמוה ביותר: פאַרוואָס איז רש״י פריער (אין פסוק „ואת כל חלבו ירים״) מפרש בקיצור אַז „יותרת ושתי כליות למדין הם מועשה לפר כאשר עשה וגו׳״ און באַוואָרנט „מפני מה לא נתפרשו בו״, און דערנאָך ווידער, אין דעם פסוק שלאח״ז, איז ער מסביר ווי אַזוי „למדין הם מועשה גו׳״ (ומדגיש „שפירש שם מה שלא פירש כאן״) — און ניט כולל די ביידע פירושים צוזאַמען: „ועשה לפר . . להביא יותרת ושתי כליות שפירש שם מה שלא פירש כאן ומפני מה לא נתפרשו בו תנא דבי ר׳ ישמעאל כו׳״!

ג. אויך זיינען פאַראַן כמה דיוקים אין לשון רש״י, ומהם:

א) פאַרוואָס ברענגט רש״י אַ משל פון אַ מלך דוקא — דער ענין פון „מיעט בסרחונו מפני חיבתו״ איז דאָך אויך ביי צוויי אוהבים סתם, ניט דוקא ביי אַ מלך ואוהבו?

(ביים ערשטן פירוש (בנוגע דעם לשון „את פני הפרוכת״) איז מובן פאַרוואָס ער זאָגט „משל למלך״, ווייל דוקא ביי אַ מלך איז שייך דער משל פון „סרחה עליו מדינה״).

און אע״פ אַז בלשון זה („משל למלך״) שטייט אין תנא דבי ר׳ ישמעאל כנ״ל — איז (נוסף לזה וואָס אויך התם טעמא בעי: פאַרוואָס שטייט דאָרט „משל למלך״ דוקא? איז עוד ועיקר): ווי גערעדט כמה פעמים[14] איז סגנונו ולשונו פון פירוש רש״י על התורה ניט העתקת פירושי חז״ל בלשונם ממש — נאָר ער ברענגט בלויז די ענינים (ולשונות) ווי זיי זיינען נוגע אין פשוטו של מקרא.

ב) בפירושו לש״ס[2] איז רש״י מפרש די ווערטער „מיעט בסרחונו״ — „קיצר בדברים״. איז ניט מובן: אויב רש״י דאַרף עס אָפּטייטשן בפירושו לש״ס — האָט ער דאָך אַוודאי געדאַרפט דאָס מבאר זיין בפירושו עה״ת[15]!

ד. וי״ל הביאור בכל זה:

דער פרש״י אויף „ואת כל חלבו ירים״ קומט בהמשך צום פריערדיקן פירוש רש״י אויף „את פני הפרוכת״, וואו ער איז מסביר (דורכן „משל למלך שסרחה עליו מדינה כו׳״) אַז דער חטא פון „העלם דבר של ציבור״ איז פיל האַרבער ווי דער חטא פון כהן המשיח, ועד כדי כך אַז דורך דעם חטא הקהל איז „אין פמליא[16] שלו מתקיימת . .

14) ראה לעיל הערה 10.

15) בפרש״י זבחים שם מפרש ג״כ „על אוהבו — צבור״. אבל בזה י״ל בפשטות, שבא לשלול הפירוש שאוהבו קאי על כהן המשיח (וכפי׳ החדא״ג מהרש״א שם). משא״כ בפרש״י עה״ת לא הוצרך לשלול זה, כי בפרש״י כאן לא נזכר כלל ע״ד כהן המשיח (כ״א רק „ומפני מה לא נתפרשו בו״).

16) י״ל שבלשון זה („פמליא שלו״) מתורצת השייכות דסלוק הקדושה לפני הפרוכת דוקא — כי „פמליא״ פירושו בני בית* (ראה מוסף הערוך,

*) וכפרש״י זבחים שם — כניסת חבורת עצתו ומהמסכימים לדעתו אשר דברי סתרו אליהם.

ובכל אופן, לכאורה צ״ע שרש״י בפירושו עה״ת

ח"ו[17] נסתלקה הקדושה".

און דעריבער, ווען מען לערנט דעם פסוק „ואת כל חלבו ירים" ווערט גלייך שווער, פאַרוואָס ווערן דאָ ניט דערמאָנט „יותרת ושתי כליות": לולא דעם פריער־דיקן פרש"י וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז זיי שטייען ניט דערפאַר וואָס ביי אַ פר העלם דבר של ציבור דאַרף מען טאַקע ניט מקטיר זיין די יותרת ושתי כליות, ווייל פר העלם דבר של ציבור איז ניט אַזוי האַרב[18] ווי פר כהן המשיח[19].

[וואָרום ביי כהן המשיח, אע"פ אַז דאָס איז אַן ענין פון שוגג, איז עס אָבער אַ שגגת חטא וואָס דער כהן המשיח עצמו איז אחראי און שולדיק אין דעם. משא"כ ווען „עשו הצבור על פיהם" פון דעם סנהדרין[20] איז דאָך דער חטא הצבור ווייניקער ווי סתם חטא בשוגג, ניט בלויז זיינען ניט זיי אין דעם שולדיק (נאָר די סנהדרין וואָס „טעו להורות" און ציבור „עשו על פיהם"[20]), נאָר נאָכמער: בעיני הצבור איז עס אַ זאַך וואָס זיי האָבן געטאָן ע"פ הוראת התורה[21] (סנהדרין) — אשר על פי זה וואָלט געדאַרפט אויסקומען, אַז אויך דער קרבן פר העלם דבר של ציבור וואָס דער קהל איז מקריב[22] איז ניט אַזוי האַרב ווי פר כהן המשיח].

לאחרי אָבער ווי רש"י זאָגט אַז דער חטא הקהל (אע"פ אַז „עשו על פיהם" של סנהדרין) ברענגט צו „נסתלקה הקדושה", משא"כ ביים חטא פון כהן המשיח, כנ"ל — קען מען ניט זאָגן אַז דער קרבן זאָל זיין גרינגער ווי פר כהן המשיח. דעריבער מוז רש"י גלייך באַוואָרענען „ואע"פ שלא פירש כאן יותרת ושתי כליות למדין הם מועשה לפר כאשר עשה וגו'".

ה. רש"י קען זיך אָבער ניט באַנוגע־נען מיט זאָגן אַז מען לערנט עס אָפּ פון „ועשה לפר כאשר עשה וגו'" — ווייל: ממה נפשך — אויב דער פסוק וויל מקצר זיין און זאָגן בלויז „ועשה לפר כאשר עשה וגו'", איז איבעריק אויך וואָס דער פסוק איז מפרט „ואת כל חלבו ירים ממנו והקטיר גו'" — פון „ועשה לפר גו'" ווייס מען שוין אַז מען

ערוך השלם ותשבי בערכו); ולכן הסימן ל„אין פמליא שלו מתקיימת" הוא בזה שיש חסרון בכותלי בית המלך, ובנמשל — בפרוכת הקדש המבדילה „בין הקדש ובין קדש הקדשים" (תרומה כו, לג), שהוא מקום „פמליא" (מנוחת השכינה) של הקב"ה (דונועדתי לך שם גו' — שם כה, כב).

17) לשון רש"י כאן. ובפירושו לזבחים שם: כביכול אין כאן קדושה.

18) ראה באר מים חיים (לאחי המהר"ל) בפרש"י כאן: כי מה שחייב להרבות בכפרת האשם והחטאות זהו מורה ג"כ על ריבוי סרחונו.

19) וראה חדא"ג מהרש"א זבחים שם. תו"ת לעיל פסוק ט.

20) פרש"י לעיל ד, יג.

21) וראה משנה וגמרא ריש הוריות ביחיד שעשה ע"פ הוראת ב"ד.

22) כלשון הכתוב (פרשתנו ד, יד) והקריבו הקהל גו'. שם, כא: חטאת הקהל הוא. — ולהעיר שע"ד ההלכה יש דיעות שב"ד מביאין (הוריות ד, סע"ב ואילך. ירושלמי שם פ"א ה"ח). ואכ"מ.

לא פי' תיבת „פמליא". — וראה רש"י לעיל (בראשית א, כו).

ונ"ל **פשוט** — כי תיבה זו **ממש** (ובפירוש — בני ביתו) היא בלע"ז דזמן רש"י (משא"כ בהפרטים דמס' זבחים). ועד"ז בפי' לגיון (במדבר א, מט) —

וצע"ג דרגילים לבטאות פמליא בפ"א דגושה (ומ"ם פתוחה) דלא בלע"ז הנ"ל **ובכו"כ** לשונות!

— בירושלמי סוטה ספ"ה „ומגדולי פמילייא שלו" (ביו"ד אחר המ"ם). ובקרבן העדה שם: ויותר נ"ל שפירושו מבני משפחתו הי' ופמילייא בלשון לע"ז כן.

דאַרף טאָן מיטן פר אלץ ווי מען טוט מיטן פר החטאת פון כהן המשיח[23]; און אויב דער פסוק איז אויסן צו זאָגן בפירוש דעם דין „ואת כל חלבו וגו'", איז „מפני מה לא נתפרשו (יותרת ושתי כליות) בו"?

אויף דעם ברענגט רש"י דעם „משל למלך שזעם על אוהבו ומיעט בסרחונו מפני חיבתו": כוונת רש"י דאָ איז כפשטות לשונו, אַז דער מלך איז ממעט נאָר דעם „סרחון".

„סרחון" איז ניט עצם הדבר, נאָר אַ צווייטע זאַך וועלכע קומט אַרויס פון דעם — דער ריח רע פון דער זאַך[24].

ד.ה. מצד דער חיבה לאוהבו, איז דער מלך זיך משתדל אַז כלפי חוץ זאָל זיך אָנזען כאילו דער חטא איז ניט אַזוי האַרב — אַ מיעוט אין דעם סרחון פון חטא.

און עד"ז איז אין נמשל: אין הכי נמי אַז דער עצם חטא פון חטאת הקהל האָט אין זיך מער האַרבקייט ווי דער חטא פון כהן המשיח — אָבער מצד דער חיבה פון אידן, איז דער אויבערשטער כביכול ממעט דעם „סרחון" החטא, כאילו דער חטא איז ניט אַזוי האַרב — און דאָס זאָגט זיך אַרויס אין דעם וואָס אין תורה שטייט (בפירוש) בלויז „ואת כל חלבו ירים", כאילו ווי די יותרת ושתי כליות דאַרף מען ניט מקריב זיין, מצד דעם וואָס חטאת הקהל איז גרינגער[18] ווי פר כהן המשיח.

[און דערפאַר זאָגט דאָ ניט רש"י אַז „מיעט בסרחונו" מיינט „קיצר בדברים" — ווייל אויב סתם צו מקצר זיין בדברים וואָלט די תורה ניט געדאַרפט זאָגן אויך דעם פסוק „ואת כל חלבו גו'", כנ"ל[25]; נאָר כוונת רש"י בפירושו עה"ת איז ווי דער פשוט'ער טייטש פון די ווערטער, כנ"ל].

ו. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס רש"י ברענגט „משל למלך" דוקא (און ניט אַ משל פון סתם צוויי אוהבים):

אַ משל פון סתם אַן אוהב — וואָלט דאָס ניט געווען קיין דוגמא לנדו"ד. דאָ רעדט זיך וועגן אַ חטא בדוגמא צו „סרחה עליו מדינה . . כולם סרחו", וואָס האָט גורם געווען אַז „אין פמליא

23) שלכן גם לקמן בפסוק כא נאמר בקיצור „והוציא גו' ושרף גו' כאשר שרף את הפר הראשון" (ולא חזר על כל הפרטים דלעיל פסוקים י־יב). ובתחלת הענין (פסוק טו) הוצרך לפרט סמיכה — כי כאן היא ע"י „זקני העדה" (ולא כהן המשיח). ומה שפירט אח"כ (שם, טז) והביא הכהן המשיח גו' אולי י"ל כי לא היינו למדין זה מפר כהן המשיח (ששם צ"ל „ולקח הכהן המשיח" דוקא — שם, ה), וקס"ד שהבאת הדם כשרה ע"י כהן סתם. ולהעיר מפרש"י בפסוק יח „זה יסוד מערבי כו'" — היינו דיש בזה חידוש לגבי הנאמר בפר כהן המשיח (שם, ז). וראה בארוכה מפרשי רש"י. ואכ"מ.

24) להעיר מלקו"ש חי"ג (ע' 53) בפי' לשון רש"י (קרח טז, כב) מלך בו"ד שסרחה עליו מקצת מדינה — כי לא היתה כוונה למרוד בהמלך. ע"ש. ועפ"ז מובן מה שנקט רש"י כאן גם במשל הראשון לשון „סרחה" — כי גם בנדו"ד אין כאן חטא במזיד כ"א שוגג (או „טעו . . ועשו כו'"), ולכן רק „סרחון" יש כאן.

ועל"פ המבואר בפנים יומתק ג"כ מה שנקט רש"י כהגירסא „מלך שזעם על אוהבו", ולא — „שכעס" (שטמ"ק וע"י זבחים שם), ובפרט שכעס הוא לשון יותר רגיל בפרש"י* (וראה פרש"י בלק כג, ח) — כי „זעם" הוא גם „ענין מאיסה" (ס' השרשים להרד"ק בערכו), מתאים לענין הסרחון.

*) ולהעיר מפרש"י בהעלותך יא, ב: משל למלך כו' שכעס על בנו כו'.

25) להעיר מעיון יעקב לע"י זבחים שם (ד"ה מפני מה).

שלו מתקיימת . . ח״ו נסתלקה הקדושה״ – ד.ה. די האַרבקייט פון דעם חטא באַשטייט ניט נאָר אין דעם וואָס מ׳האָט געטאָן אַ זאַך וואָס איז נגד הרצון, נאָר נגד רצון מלך, און דער חטא האָט גורם געווען אַז „אין פמליא שלו מתקיימת״, אַז מ׳האָט דערמיט כביכול בטל גע־מאַכט כללות המלכות שלו. דאָס וואָס איינער איז מוותר וממעט דעם סרחון החטא פון אוהבו מפני חיבתו איז כלל קיין דוגמא ניט לנדו״ד – חטאת הקהל נגד השם.

דערפאַר ברענגט רש״י אַ משל פון „מלך שזעם על אוהבו״ – עס רעדט זיך טאַקע וועגן אַ מלך, אָבער דאָס איז ניט אַ משל פון אַ מלך ביחס צו אַן עבד כו׳, נאָר פון אַ מלך ביחס צו אוהבו. ועד״ז איז אין נמשל: דער יחס צווישן אידן מיטן אויבערשטן האָט ביידע ענינים: דער אויבערשטער איז אונזער מלך, וואָס מצד דעם „יחס״, איז ווען דער גאַנצער קהל טוט אַ חטא איז דאָס גורם אַז „אין פמליא שלו מתקיימת . . ח״ו נסתלקה הקדושה״; אָבער לאידך, זיינען אידן „אוהבו״ פון מלך, און דעריבער, איז אפילו אין אַ מצב פון „מלך שזעם״[26], איז דער מלך ממעט „בסרחונו מפני חיבתו״ צו דעם אוהב.

ז. אָבער סוף־סוף איז ניט אינגאַנצן גלאַטיק באַ אַ תלמיד ממולח:

ווען עס וואָלט זיך גערעדט וועגן סתם אַ חטא, וואָס איז בלויז אַן ענין פרטי, קען מען פאַרשטיין, אַז זייענדיק אוהבו של המלך איז דער מלך מוותר מפני חיבתו. אָבער ווי קען זיין, אַז אפילו נאָכן גורם זיין אַן ענין פון „אין פמליא שלו מתקיימת״ זאָל דער מלך דאָך ממעט זיין בסרחונו מפני חיבתו?

אויף דעם ברענגט רש״י דעם „שם אומרו״ – „תנא דבי ר׳ ישמעאל״, תלמידי ר׳ ישמעאל:

ר׳ ישמעאל האָט געזאָגט אויף אידן וואָס דאַרפן אָנקומען צו אַ כפרה (ביז צו כפרה אויף נגע צרעת וואָס ווייזט אויף טומאה הכי חמורה, מחוץ לשלש מחנות מושבו[27]): „בני ישראל אני כפרתן״[28].

„אני כפרתן״ מיינט ניט, אַז ער האָט גע׳פועל׳ט אַז די בני ישראל זאָלן תשובה טאָן (און במילא באַקומען זיי כפרתן) – דעמאָלט הייסט עס ניט „אני כפרתן״, די כפרה קומט מצד דער תשובה פון בני ישראל –

נאָר אַז ער עצמו איז „כפרתן״, ער נעמט איבער און „טראָגט״ זייער כפרה אויף זיך[29].

[וע״ד ווי מען געפינט[30] ביי רשב״י אַז ער האָט געזאָגט[31] „יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין״, וואָס דאָס מיינט (ווי גערעדט כמה פעמים[32]), אַז

26) בעיון יעקב שם (ד״ה ומיעט) מפרש דמה שמיעט בסרחונו מפני חיבתו הוא כי „התורה כתבה כשיחטאו . . באמת עדיין לא חטאו . . לכן קיצר במה דאפשר״. אבל פשטות המשל הוא, דגם בשעה שהמלך זעם (בפועל) על אוהבו, ה״ה ממעט בסרחונו מפני חיבתו.

27) תזריע יג, מו ובתו״כ (ופרש״י) שם. פסחים סז, א.

28) נגעים רפ״ב.

29) רע״ב שם. וראה גם תוי״ט שם.

30) ראה גם הנסמן במלאכת שלמה ותוס׳ אנשי שם שם.

31) סוכה מה, ב.

32) לקו״ש ח״ד ע׳ 1236 ואילך. חי״ז ע׳ 364. ועוד.

אפילו ווען כל העולם זיינען אין אַ מצב וואָס רופט אַרויס (מדת ה)דין ח"ו, איז רשב"י „סובל[33] כל עונותיהם ופוטרן מן הדין"].

און דער טעם וסיבה צו אַזאַ אהבה פון ר' ישמעאל צו אידן[34] — ביז צו נעמען אויף זיך די כפרה אויך פון אַזעלכע אידן כנ"ל — איז מובן פון דעם ענין „אני כפרתן" — דלכאורה: עס איז דאָך מפורש (בפרשתנו[35] ובכ"מ) אַז „נפש כי תחטא" דאַרף זיין: „והקריב גו' והביא גו' וסמך גו'". ועוד — ווי קומט דאָ אַריין „אני" (ר' ישמעאל)?!

נאָר ר' ישמעאל האָט געזען זיך און אַנדערע אידן ניט ווי צוויי באַזונדערע מציאות'ן — נאָר אַז זיי זיינען איין זאַך, „כמוך" ממש. ובמילא ווען נפש כי תחטא, חטאים פון אַנדערע אידן רירן אים אָן[36]. ובמילא, איז: „אני כפרתן" — זייענדיק איין זאַך מיט אַלע אידן, איז בדרך ממילא „אני כפרתן".

און דאָס גיט אויך אַ תוספת הסברה אין דער אהבה צווישן אידן מיטן אויבערשטן:

דאָס איז ניט נאָר אַז מצד דער חיבה פון אידן איז דער אויבערשטער ממעט בסרחונו פון אוהבו — און ווייל דער סרחון פון אוהבו רירט כביכול אָן אים עצמו[37],

נאָר דאָס ברייינגט ביז אַז עס ווערט ע"ד כביכול „אני כפרתן"[38]: צווישן אידן מיטן אויבערשטן איז אַן אהבה עצמית, ביז אַז מען קען ניט אָפּטיילן כביכול צווישן זיי. ובמילא, ווי נידעריק אַ מצב זאָל זיין ח"ו, איז אַלעמאָל גאַנץ די חיבה וקשר צווישן אידן מיטן אויבערשטן. און אפילו אין אַ פאַל ווען אידן מצד עצמם זיינען לכאורה ניט ראוי צו אַ כפרה — זאָגט דער אויבערשטער אַז כביכול יכנס החץ בי ולא (יכנס) בבני[39].

ח. דערפון האָט מען אויך אַ הוראה — אויף ווי טיף עס דאַרף זיין די אהבה צו יעדן אידן, אין וואָס פאַר אַ מצב ער זאָל נאָר זיין.

מען דאַרף וויסן אַז יעדער איד איז — „נער ישראל ואוהבהו"[40]: די אהבה פון אויבערשטן צו יעדער אידן איז בדוגמא די אהבה צו אַ „נער", וואָס זי איז אַן אהבה עצמית, ווי דער קינד פירט זיך אויף (אפילו ווען לכאורה איז ער „נתון בדין"[41]) — איז ער „נער" און „ואוהבהו".

און וויבאַלד דער אויבערשטער זאָגט אַז ער האָט אהבה צו יעדער אידן אין אַן אופן פון „נער ישראל ואוהבהו" — דאַרף אַזוי אויך זיין ביי אידן, אַז זייער

33) רש"י סוכה שם.

34) ראה פיה"מ להרמב"ם ורע"ב נגעים שם.

35) ד, ב־ד.

36) ראה בארוכה בכ"ז — מאמרי אדה"ז — פרשיות (ח"ב) ע' תקצא־ב. סהמ"צ להצ"צ מצות אהבת ישראל. אוה"ת שופטים ע' תתלח ואילך.

37) ע"ד פרש"י תצא כא, כג: זלזולו של מלך הוא . . וישראל הם בניו . . לשני אחים תאומים כו'.

38) ראה סהמ"צ להצ"צ (פ"ב) ואוה"ת (ע' תתמ) שם בענין „אין (אדם דלעילא) רואה חוב לעצמו".

39) פרש"י יתרו יט, ד (ממכילתא שם). האזינו לב, יא. וראה פרש"י בשלח (יד, יט־כ) „שהיו ישראל נתונים בדין" — דבזה מובן מה שייך יכנס „החץ גשמי" בי ?!

40) הושע יא, א. וראה בארוכה ד"ה כי נער ישראל תרס"ו (נדפס בסו"ס יו"ט של ר"ה תרס"ו (קה"ת, ברוקלין, תשל"ו) ע' תקנ).

41) ראה לעיל הערה 39.

אהבה צו אַ צווייטן אידן דאַרף זיין אין אַן אופן פון אַן אהבה עצמית.

אַ איד דאַרף פילן אַז ניט ער האָט ליב אַ צווייטן, אַז ער טוט אַ טובה דעם זולת, נאָר דאָס רירט אָן אים אַליין. ובפרט – כל זמן ער נעמט ניט אַרויס דעם צווייטן אידן פון גלות (בכל הפירושים) – געפינט ער זיך אין גלות.

דאַן איז דאָך פשוט אַז ער טוט כל התלוי בו אויף העלפן אַלע אידן און יעדער אידן אויף – בהתחלה „ממעט" זיין אין זייער סרחון (אויב ער איז דאָ), ביז אַז די חיבה קומט אַרויס באופן גלוי, ו„אני כפרתן".

און אהבת ישראל (– היפך סיבת הגלות[42]) איז מבטל תיכף, „מיד"[43] דעם מסובב – הגלות, און עס ווערט – ווי התחלת הסדרה – „ויקרא אל משה . . מאהל מועד": די קריאה של חיבה[44] צו משה'ן, אין דעם בית המקדש השלישי,

בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

(משיחת ש"פ ויקרא תש"מ)

42) יומא ט, ב.

43) כל' הרמב"ם: ומיד הן נגאלין (הל' תשובה פ"ז ה"ה).

44) פרש"י שם. וראה בארוכה לקו"ש ח"ז ע' 24 ואילך (וראה שם השייכות לענין התשובה).